UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
25 Years of the Jewish National Workers Union / 25 Yor Yidish Natsionaler Arbeter Farband

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/1n8545xf

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

**Author**
Babbitch / Babitsh, A. / A.

**Publication Date**
1953

**Copyright Information**
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# 25 יאָר יידיש נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד

## פון א. באַביטש

אינם יובל נומער „חשבון" האָב איך געהאַט אַ לענגערן געשיכטלעכן אַר־
טיקל וועגן פאַרבאַנד אין לאָס אַנדזשעלעס, דערציילנדיק דאָרט ווי אַזוי דער
פאַרבאַנד האָט זיך אַנטוויקלט דאָ אין שטאָט אין די לעצטע 25 יאָר.

דאָרט האָבן מיר דערציילט אַז מיט 25 יאָר צוריק איז דאָ אין שטאָט
אינגאַנצן געווען איין פאַרבאַנד צווייג, דער באָראָכאָוו צווייג אין באָיל הייטס
מיט אַ 60 מיטגלידער. מיטן וואוקס פון דער שטאָט און מיטן אָנקומען פון
אַ צאָל אַקטיווע פאַרבאַנד טוער פון אנדערע שטעט און מיט דער פאַרשטאַר־
קונג פון דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן, איז דאָ דער
פאַרבאנד אויסגעוואָקסן צו אַ וויכטיקן און ווירדיקן כוח אין שטאָט. זיינע
10 צווייגן מיט איבער 1200 מיטגלידער באַטייליקן זיך אין אַלע קולטורעלע
און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן אין שטאָט.

דעם יאָר אין פאַרבינדונג מיט דער 40 יאָריקער יובל פייערונג פון פאַר־
באַנד האָט דער הויפּט אָפיס אַהער געשיקט דעם יונגן אָרגאַניזאַטאָר לייבוש
נאַטאַנזאָן, וועלכער האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט אָרגאַניזירן די ענגליש־
ריידנדיקע עלעמענטן אין שטאָט. מיט זיין הילף איז דורכגעפירט געוואָרן
אַ מיטגלידערשאַפט אַקציע דורך וועלכער עס איז ביז איצט אַריינגענומען
געוואָרן איבער 200 נייע מיטגלידער — איינגעשלאָסן 2 נייע צווייגן — דער
„בן גוריון צווייג" פון מיטל־יעריקע ענגליש ריידנדע און דעם „ברוך וויינ־
בערג צווייג", אַ יוגנטלעכע גרופּע אין דער „וואלי", וואָס באַשטייט מערסטנס
פון קינדער פון חברים.

דער פאַרבאַנד אין לאָס אנדזשעלעס האָט דורכגעפירט די 40־יאָריקע יובל
פייערונג אויף אַ גאָר גרויסן פאַרנעם, מיט אַ גרויסן קאָנצערט אין מוזישאַנס
האָל וואו דער גענעראַל סעקרעטאר פון פאַרבאַנד, לואיס סיגאל, איז געווען
דער גאַסט־רעדנער און עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גאָר פיינע ליטעראַריש־
מוזיקאַלישע פּראָגראַם. ביים קאָנצערט זיינען געווען אַ 500 מיטגלידער. די
פייערונג היי־יאָר פון 40 יאָר פאַרבאַנד האָט ארויסגערופן גרויס אינטערעס
אין דער גאַנצער יידישער וועלט אין אַמעריקע און אין ישראל.

אַ היפּשן בייטראג פאַר אונדזערע קולטור און דערציאונגס אַקטיוויטעטן
אין ל. א. איז געווען דער באַזוך היי־יאָר פון חבר פּנחס גינגאלד, דער קול־
טור און דערציאונגס דירעקטאָר פון פאַרבאנד. ער האָט דאָ פאַרבראַכט איבער
אַ חודש צייט. עס איז מיט אים דורכגעפירט געוואָרן אַ רייע גייסטרייכע
אָוונטן, חוץ דער גרויסער צאָל קלענערע פאַרזאַמלונגען וואו ער האָט אומעטום
אַריינגעבראַכט קלאָרקייט און אַן ערנסטע באַציאונג צו אונדזערע קולטור און
דערציאונגס פּראָבלעמען.

שרייבנדיק פאַרן זשורנאַל פון אַ קולטור אָרגאַניזאַציע איז ווערט צו
דערמאָנען דעם גאָר לעצטן אויפטו פון פאַרבאַנד אַלס גאַנצן, די גרינדונג פון
אַ קאַטעדרע פאַר דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און פאָלקלאָר ביים העב־
רעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים.

די גרינדונג פון דער קאַטעדרע האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס אין
אַלע קולטור קרייזן אין מדינת ישראל און אין דער וועלט.

די צווייגן פון פאַרבאַנד אין לאָס אנדזשעלעס האָבן אויך ביי פילע גע־
לעגנהייטן געדינט אַלס גוטער ביישפּיל פאַר אַנדערע צווייגן — אַ ביישפּיל
פון געטריישאַפט און איבערגעבנקייט צו אַלץ וואָס דער פאַרבאַנד האָט אונ־
טערנומען, אויף פיל געביטן פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן,
באַזונדערס די טעטיקייטן פאַר מדינת ישראל.